טונקט איין די מצה אין וואסער, לאזט זיי אפּטריקענען, מישט אוים קעז, אייער, זאלץ, צוקער און לימענע־זאפט. מאכט הייס 4 לעפעל פון דעם אויל און גיסט עס אריין אין א פּיער־עקעדינער בעקעלע. שפּרייט אוים אין אין בעקעלע א גאנצע מצה אדער מעהר, אויב דאס בעקעלע איז גרעסער פון איין מצה. שפּרייט אוים א העלפט פון דעם צונויפגעמישטען קעז פון אויבען און באדעקט עס מיט אן אנדער מצה וואס איז פייכט. טהוט דאס זעלבע נאך אמאל, אזוי אז איהר זאלט האבען דריי טיילען מצות און צוויי טיילען פון דעם צונויפגעמישטען קעז־אנפילינג. געברויכט דעם איבערינגען אויל צו באשמירען די אויבערשטע מצה. באקט אין א געוועהנליך־אנגעהייצטען אויווען ביי א טעמפּעראטור פון 325 גראד פאר א שטונדע, ביז עס ווערט גאלדינג־ברוין. באשפּרענקעלט עס מיט פּודער־צוקער און צעשניידט עס אין פּיער־עקיגע שטיקלאך. סערווירט הייס אדער קאלט.

פּלענטערס הייהעט פּינאט אויל קאסט אייך בילינער פון טשיקען שמאלץ, און איז אויך געזונטער און בעסער פון אנדערע סארטען פעטס אדער שארטנינג.

MR. PEANUT
REG. U. S. PAT. OFF.

מר. פינאַט רעקאָמענדירט:

רעסיפּים פאַר דאָונאַטס, פּודינג, פּאַיס, געפרייעטע מצה און פּענקייקס

— 32 —

פסח׳דיגע דאָונאַטס

צוויי־דריטעל קאַפּ וואַסער
איין־דריטעל קאַפּ פּסח׳דיגע היי־העט פּינאַט אויל
1 קאַפּ מצה מעהל
1 טיש־לעפעל צוקער
3 עגגס
אַ פערטעל לעפעלע זאַלץ

זיט אויף דעם אויל, וואַסער, צוקער, זאַלץ, און מישט אַריין די מצה מעהל. זיט נאָך אַמאָל אויף, נעמט עס אַרונטער פון פייער, מישט עס גוט אויס און קיהלט עס אָפּ אַביסעל. שלאָגט אַריין די אייער איינס אויף אַמאָל. באַשמירט אייערע הענט מיט פּסח־דיגען היי־העט פּינאַט אויל, מאַכט 2 אינטשיגע דאָונאַטס, לייגט זיי אַוועק אין אַ פּען באַשמירט מיט פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל. טונקט איין אייערע פינגער אין וואַסער, מאַכט אַ לאָך אין צענטער פון די דאָונאַטס, באַקט אַרום אַ שטונדע אין מעסיגען אויוועז.

— 33 —

עפּעל פּודינג

1 פונט מצה
6 עפּעל
12 אייער
און אַ האַלבע קאַפּס פּסח׳דיגע היי־העט פּינאַט אויל
לעפעלע זאַלץ
פערטעל לעפעלע פעפער
און אַ האַלב לעפעלעך צימרינג
האַלבע קאַפּ צוקער
אַלעכץ (צוריבענע) און זאַפט פון צוויי לעמאָנס
1 לעפעלע פּסח׳דיגע פלייוואָרינג
1 און אַ האַלבע קאַפּס קאַלטע וואַסער
אַ האַלבע קאַפּ צוהאַקטע וואַלנאַטס
אַ האַלבע קאַפּ ראָזשינקעס

צוברעקעלט די מצה, באַגיסט מיט וואַסער און ווייקט 5 מינוט, גיסט אויס די וואַסער, צושלאָגט די געלעכלעך, גיסט צו וואַסער, פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל, צימרינג, זאַלץ, פעפער, לעמאָן, שאָלעכץ, פלייוואָרינג און נים. וואַרפט אַריין די מצה און גיסט אַריין די ווייסלעך גוט צוקלאַפּט. באַשמירט אַ פּודינג דיש מיט פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל. לייגט אַריין אַ לעיער מיט מיקסטשור און אַ לעיער מיט דין־געשניטענע עפּעל מיט׳ן איבערגעבליבענעם צוקער, צימרינג, ראָזשינקעס און לעמאָן זאַפט. באַקט אין הייסען אויוועז 45 מינוט ביז עס ווערט ברוין.

— 34 —

מינא פּאַיס

לייגט אַריין עטליכע מצות אין קאַלטער וואַסער צו ווייקען. נעמט זיי אַרויס און טרוקענט זיי אויף אַ טאַועל, באַשמירט אַ פּען מיט פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל און לייגט אַריין גענוג מצה צוצודעקען דעם דנאָ פון דער פּען. נעמט דאַן געהאַקטע פלייש אויס געמישט מיט אַן איי, מיט אַביסעלע זאַלץ, פעפער און צוהאַקטע פּאַרסלי, דעקט עס צו מיט מצה און גיסט צו פּסח׳דיגען פלענטערס היי־העט פּינאַט אויל, דאַן דעקט עס צו מיט מעשט פּאַטייטאָס און 1 אָדער 2 גוט צוקלאַפּטע עגגס און באַקט עס ביז עס ווערט ברוין. אַ פולשטענדיגער מיעל פאַר זיך אַליין.

— 35 —

געפרייעטע מצה

ווייקט איין זעקס מצות ביז זיי ווערען ווייך. גיסט דאַן אויס די וואַסער און מישט אויס די מצות מיט פיער צוקלאַפּטע אייער. וואַרפט אַריין אַ האַלבע לעפעלע זאַלץ און פרייעט אין פּסח׳דיגען פלענטערס היי־העט פּינאַט אויל. סערווירט פאַר דריי.

— 36 —

קווין אָוו פּענקעיקס

6 מצות
8 אייער
אַ האַלבע קאַפּע צוקער
1 טהע לעפעלע צימערינג
אַ האַלבע קאַפּע כשר לפּסח היי־העט פּינאַט אויל
אַ האַלבע טעה־לעפעלע לעמאָן עקסטראַקט
1 קאַפּ מצה־מעהל

ווייקט די מצות אין וואַסער, און ווען זיי זיינען ווייך, דריקט אַרויס די וואַסער, גיט צו די אויפגעשלאָגענע אייער, צוקער, צימערינג, פּינאַט אויל, לעמאָן עקסטראַקט און שלאָגט גוט אויף. גיט צו די מצה־מעהל און מישט גוט אויס, דאַן לאָזט עס אַרונטער לעפעלוויים אויף אַ היים מיט פּינאַט אויל אָנגעשמירטע גרידל (בראַטפּאַן) און בראָט ביז עס ווערט ברוין. באַשפּרענקעלט מיט צוקער און סערווירט היים. די רעסיפּי מאַכט 16 פּענקייקס.

פלענטערס היי־העט פּינאַט אויל איז אַ הונדערט פּראָצענט ראַפינירטער אויל, פון וועלכען דער „פּעטי־עסיד" איז כמעט גענצליך באַזייטיגט, און דעריבער לייכטער צו פאַרדייען!

רעסיפּיס פאַר קעיקלאַך, קוקיס, ביאַלאַס, מאַקאַרונס און קאָפּ קייקס

— 27 —

מאק אַאוט מיעל קעיקלאך

2 קאפּעס מצה־מעהל
2 קאפּעס מצה־פאַרפעל
1 און אַ האַלב קאפּעס צוקער
1 קאפּע ראַזשינקעס אַדער ניס, אַדער ביידע
אַ ביסעל מעהר פון אַ האַלבער קאפּ פלענטערס כשר לפסח היי־העט פינאַט אויל
4 אייער
1 לעפעלע צימרינג.

מישט אויס די טרוקענע שטאפּען, שלאַגט אריין די אייער און די פינאַט אויל. לייגט זיי אַוועק אין רויע שטיקער אין דער גרויס פון אַן איי, אויף אַ פּאַפּיער אַנגעשמירט מיט פלענטערס פינאַט אויל און באַקט אין אַ טעמפּעראַטור פון 350 גראַד פאַר אַ האַלבער שטונדע. פון דעם רעסיפּי וועט איהר האָבען אַרום פיער דאַזען קעיקלאַך.

— 28 —

קאַניש־ברויט

2 קאפּעס מצה־מעהל
1 לעפעלע קאַרטאָפעל־מעהל
2 קאפּעס צוהאַקטע ניס
2 קאפּעס צוקער
אַ האַלבע לימענע (בלויז דעם זאַפט)
1 לעפעלע פלענטערס היי־העט פינאַט אויל
אַ האַלבע לעפעלע זאַלץ
6 גוט־אויפגעשלאַגענע אייער

מישט צוזאַמען אַלע שטאפּען, און מאַכט אַ האַרטען טייג. שמירט אַן מיט פלענטערס כשר לפסח היי־העט פינאַט אויל דאַס בעקעלע און לייגט אריין די טייג, באַשמירענדיג פון אויבען מיט אַ געלעכעל פון אַן איי. באַקט אין אַ מעסיגען אויווען (325 גראַד) פאַר איין שטונדע.

— 29 —

ביאַלאַס

נעמט 6 אייער און צוקלאַפּט זיי גוט, גיט צו אַביסעלע מצה מעהל צו מאַכען עס עטוואַס געדיכטער. גיסט עס אריין מיט אַ לעפעל אין הייסען פסח'דיגען היי־העט פינאַט אויל און פרייעט ביז עס ווערט ברוין, דאַן נעמט זיי ארויס און זייעט זיי אָפּ. סערווירט זיי קאַלטערהייד מיט סירופּ געמאַכט פון אַ קאפּ צוקער, אַ קאפּ וואַסער און אַ האַלבע טהעלעפעלע צימרינג. קאָכט עס צוזאַמען פינף מינוט צייט.

— 30 —

געפרייטע מאַקאַרונס

1 טיש לעפעלע קייק מעהל
אַ דריטעל טהע לעפעלע זאַלץ
3 עגגס
1 פונט סטיוד פּרונס

צוקלאַפּט די ווייסלעך און געלעכלעך פון די אייער באַזונדער. צו די געלעכלעך גיט צו די זאַלץ און קייק מעהל, דאַן גיסט אריין די פאַרהאַרטעוועטע ווייסלעך. מאַכט מאַקאַרונס און וואַרפט זיי אריין מיט אַ טיש לעפעל אין זידיגען פסח'דיגען היי־העט פינאַט אויל, 375 גראַד היץ, און סערווירט מיט פּרונס.

— 31 —

פּאַטייטאָ קאָפּ קייקס

2 טיש לעפעל מצה מעהל
1 און אַ האַלבע קאפּ קאַלטע מעשט פּאַטייטאָס
3 עגגס גוט צוקלאַפּט
3 טיש לעפעל כשר לפסח היי־העט פינאַט אויל
אַ האַלבע טהע לעפעלע זאַלץ
אַן אַכטעל טהע לעפעלע פעפער

מישט אויס אַלעס גוט צוזאַמען, דערוואַרעמט די קאַסטאַרד קאפּס, פילט אַן האַלב־פולע קאפּס און באַקט 15 ביז 20 מינוט אין מעסיגען אויווען. ווען פאַרטיג, סערווירט זיי הייסערהייד.

פלענטערס איז דער אידעאַלער אויל פאַר אַלע פסח געבעקסען, ווייל אחוץ דעם וואָס געבעקסען קומען אַרויס שעהנער, מיט מעהר אַפּעטיט־רייצענד, קען מען אויך די געבעקסען סערווירען מיט מילכיגע פונקט ווי מיט פליישיגע מאכלים—דער אויל איז אחוץ כשר אויך פאַרעווע

מר. פינאַט פּרעזענטירט:

רעסיפּיס פאַר פריטערס און קוגעל

— 23 —

פּרון פריטערס

- אַ האַלבע פונט פּרונס, געקאָכט (נאָכ׳ן קאָכען אַרויסגענונען די קערלאַך).
- 4 מצות
- 1 קאָפּ צוקער
- 4 אייער
- 1 קאָפּ מצה מעהל
- אַ האַלבע טהע לעפעלע זאַלץ

ווייקט איין די מצות אין קאַלטער וואַסער ביז ס׳ווערט ווייך, קוועטשט אויס די איבע־ריגע וואַסער, גיט צו צוקער, צוקלאַפּטע אייער, זאַלץ און מצה מעהל און מישט גוט אויס. נעמט אַביסעל דערפון און מאַכט עס פלאַך אויף אייער האַנד, לייגט אַריין אַ פּלוים (פּרון) אין צענטער און דעקט עס צו מיט אַ צווייטען דעקעל פון דעם מצה־מעהל־טייג. פּרעסט צוזאַמען די עקען, קאַטשעט אין מצה מעהל און פּרייעט אין דיפּ פריי פּסח־דיגען פּלענטערס היי־העט פּינאַט אויל אויף 875 גראַד היץ ביז עס ווערט ברוין. דריינט אויף פּאַפּיער, און באַשפּריצט מיט געפּוי־דערטער צוקער.

— 24 —

מצה קוגעל

- 3 מצות
- 2 טיש־לעפעל פּסח׳דיגער היי־העט פּינאַט אויל
- 1 קאָפּ מצה מעהל
- אַ פערטעל קאָפּ צוריבענע ניס
- שאָלעכץ פון אַ האַלבער לעמאָן צוריבען
- 1 גרויסער עפּעל, צוריבען
- 5 עגגס
- אַ האַלבע טהע לעפעל זאַלץ
- אַ האַלבע קאָפּ פּסח׳דיגע היי־העט פּינאַט אויל (הייסע)

ווייקט די מצות אין וואַסער ביז זיי ווערען ווייך און גיסט דאַן אַרוים די איבערגעבלי־בענע וואַסער. צולאָזט דעם פּסח׳דיגען פּלענ־טערס היי־העט פּינאַט אויל אין אַ פּען און וואַרפט אַריין די מצה ביז זי ווערט טרוקען. לייגט דאַן אַריין די מצה אין אַ שיסעל און וואַרפט אַריין די מצה מעהל, צוקלאַפּטע גע־לעכלעך, ניס, לעמאָן, שאָלעכץ, זאַלץ, עפּעל און די צוקלאַפּטע ווייסלעך פון די אייער. לייגט אַריין אין אַ פּודינג־דיש אָנגעשמירט מיט היי־העט פּינאַט אויל, גיסט אַרויף היי־סען היי־העט פּינאַט אויל און באַקט אין אַ מעסיגען אויווען אַרום 40 מינוט. סערווירט מיט וויין־סאָוס אָדער פּלעין.

רעסעפּיס פאַר גרייווי און דרעסינג

— 25 —

פּסח׳דיגע גרייווי

ברוינט 2 טיש לעפעל קייק מעהל גיסט צו 2 טיש־לעפעל היי־העט פּינאַט אויל, גיסט צו דריי־פערטעל קאָפּ זידיגע וואַסער, לאַנגזאַם.

האַלט אין איין מישען ביז עס ווערט גע־דיכט, גיט צו זאַלץ און פעפער לויט אייער געשמאַק. פאַר אַ רייכערער גרייווי גיסט צו ריינע זופּ אָדער וואַסער אין וועלכער איהר האָט געקאָכט וועדזשעטייבעלס. אַ מינסד ציבעלע קען געפּרייעט ווערען אין דעם אויל און צונענעבען צום געברוינטען קייק מעהל.

— 26 —

פרענטש דרעסינג

- אַן אַכטעל טהע־לעפעלע פעפער
- 1 טהע לעפעלע זאַלץ
- 1 טהע לעפעלע צוקער
- אַ פערטעל טהע לעפעלע פּסח׳דיגע פּאַפּריקאַ
- 3 טיש־לעפעל עסיג
- דריי־פערטעל קאָפּ כשר לפּסח היי־העט פּינאַט אויל

מישט צוזאַמען זאַלץ, פעפער און פּאַפּ־ריקאַ. לייגט אַלעם אַריין אין אַ גלעזערנעם דזשאַר. פאַרדרעהט האַרט דאָס דעקעל פון דער דזשאַר און מישט גוט אויס אַלעס צו־זאַמען.

רבנים פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיא, שיקאַגאָ און אַנדערע שטעדט און שטעדטלאַך איבער׳ן לאַנד נוצען פּלענטערס היי־העט פּינאַט אויל אין זייערע היימען, אויף פּסח און אַ גאַנץ יאָהרן

רעסיפּיס פּאַר פריטערס, לאַקשען און קיכלאַך

— 19 —

סקוואש פריטערס

א האלבע קאפּע מצה־מעהל
2 מיטעלע סייז סקוואש
(2 פונט אומגעפער)
6 אייער גוט צושלאגנע
א טהע לעפעלע זאלץ און אביסעלע פעפער

וואשט און שיילט אפּ דעם סקוואש, דאן צורייבט עס גוט, מישט עס צוזאמען מיט די אנדערע אינגרידיענטס, מישט עס גוט אויס און דאן פּרעגעלט עס אין הייסען פּלענטערס כשר לפסח היי־העט פּינאט אויל, ביז עס באַקומט דעם איידעלען ברוינעם קאָליער, דאן דערפרעהט דער פאמיליע מיט דעם אויסגעצייכנט גוטען מאכל!

— 20 —

קאַליפלאַוער פריטערס

1 קליינע קאפּ קאליפלאוער
א האלבע קאפּע מצה־מעהל
2 אייער, אויפגעשלאגנע
1 עס־לעפעל פּלענטערס היי־העט פּינאט אויל
א האלבע טעה־לעפעלע זאלץ
א פערטעל טעה־לעפעלע פעפער

קאכט די קאליפלאוער אין זאלץ־וואסער ביז עס ווערט ווייך, דאן לאזט די וואסער אפּרינען און מעשט נוס. גיט צו די איבערגעבליבענע שטאפּען און שלאגט גוט אויף. וואַרעמט אן דעם פּינאט אויל אין א פענדעל און לאזט אַרונטער די פּריטער מיקסטשור אין פענדעל לעפּעלווייז. פּרעגעלט ביז עס ווערט ברוין אויףביידע זייטען. די רעסיפּי מאכט 8 פריטערס.

— 21 —

אפּעל פריטערס

א קאפּ מצה־מעהל
3 האלב־זויערע אפּעל, דין צושניטענע
3 אייער
2 עס־לעפּעל פּלענטערס כשר לפסח היי־העט פּינאט אויל
א האלבע קאפּ וואסער

צוקלאפּט אלע אינגרידיענטס, מישט עס גוט אויס, דאן לייגט צו די אפּעל, שטעלט אוועק דעם פּרייאינג פּען, פּילט איהם אן מיט פּלענטערס כשר לפסח היי־העט פּינאט אויל, לאזט דעם אויל גוט אויפקאכען, גיסט אריין מיט אן עס־לעפּעל אין דעם טיפען אויל, לאזט עס ווערען מיט דעם גאלדען ברוינען קאליער, נעמט די פריטערס ארויס איינציגווייז, לייגט זיי אויף א שווערען פּאפּיער, וועלכער וועט איינזאפּען דעם אויל אין זיך, און באשפּריצט די פריטערס מיט אביסעל דין געמאלענעם צוקער און עטליכע שפּרענגעלס פון סינאמאן—קיין בעסערס האט איהר נאך נישט פארזוכט.

— 22 —

מצה אייער קוכען

א פערטעל קאפּ מצה מעהל
א האלבע קאפּ וואסער
1 לעפעלע זאלץ
4 עגגס

גיסט אריין די וואסער אין דער מצה מעהל, גיט צו זאלץ און גוט־צושלאגענע נעלעכלעך פון די אייער. שטעלט עס אוועק פּאר 5 מינוט. לאנגזאם גיסט אריין די ווייסלעך פון די אייער וועלכע איהר דארפט פריהער צושלאגען ביז זיי ווערען הארטלעך. גיסט אריין די מיקסטשור אין א פּען אנגעשמירט מיט פּלענטערס פּסח'דיגען היי־העט פּינאט אויל. מאכט זיי ברוין אין ביידע זייטען. סערווירט זיי הייסערהייד מיט צוקער, צימרינג, האניג, א. ז. וו.

פּרובירט די מעטאדע

פּרובירט די מעטאדע פּאר בראילען סטייקס, טשאפּס אדער קאלבס־קאטלעטען: נעמט א גרויסען טעלער, גיסט אריין אין איהם עטליכע טיש־לעפּעל פּלענטערס כשר לפסח היי־העט פּינאט אויל, מאכט אייער בראילער הייס, טונקט איין דעם סטעיק, טשאפּ, אדער קאלבס קאטלעט, לייכט פון ביידע זייטען אין דעם פּינאט אויל, לייגט אוועק אויף דעם בראילער און איהר וועט באמערקען ווי שנעל דער אויסגעצייכענטער קוואליטי אויל פארזינעלט און לאזט נישט אויסגערונען ווערען. דאס קרעפטיגקייט פון דעם פלייש, אלעס קומט ארויס אזוי ווייך, אז מען קען עס שניידען אפילו נישט מיט קיין שארפען מעסער, און דעריבער אויך מעהר בע'טעמ'ט און זיכער פיעל לייכטער צו פארדייען! פּרובירט עס, איהר וועט אונז דאנקבאר זיין!

פּלענטערס היי־העט פּינאט אויל האט די כשרות השגחה פון הרב צבי הירש הכהן. פון ניו־יארק און איז כשר למהדרין מן המהדרין, און אויך פּארעווע!

מר. פינאַט שלאָגט פאָר:

נאָך רעסיפּיס פאַר כרעמזלאַך, קנישעס, לאַטקעס, א. ז. וו.

— 14 —

קעראָט קאַטלעטס

א האלבע קאַפּ מצה מעהל
1 קאַפּ געקאַכטע צוקוועטשטע קעראַטס
2 אייער
1 טהע לעפעלע זאַלץ
אַן אכטעל טהע לעפעלע פעפער
2 טיש לעפעל פּארסלי
2 ציבעלעס

צוקלאַפּט די ענגס, נימט צו די קעראַטס, זאַלץ און פעפער, מצה מעהל און די צוהאַקטע פּאַרסלי. מישט גוט אויס און מאכט קאַטלעטס. פרעגעלט די ציבעלעס אין פסח׳דיגען היי־העט פינאַט אויל ביז עס ווערט ברוין און דאַן פרייעט די קעראַט קאַטלעטס אין דעם זעלבען אויל.

— 15 —

פארפיל טאָוסטים

1 קאַפּע מצה פאַרפעל
2 נעלעכלאַך פון אייער
2 עס־לעפעל פלענטערס כשר לפסח היי־העט פינאַט אויל
א האלבע טעה־לעפעלע זאַלץ

מישט גוט אויס צוזאַמען אלע שמאַפען. שפּרייט עס אויס אין אַ בעקעלע אויסגעשמירט מיט פינאַט אויל און באַקט אין אַ מעסיג געהייצטען אויווען ביז עס ווערט גאָלדען־ברוין. סערווירט היים אין דער זופ.

— 16 —

כרעמזלעך

אַ האַלבע קאַפּ מצה מעהל
4 לעפעלעך צוקער
1 לעפעלע זאַלץ
3 טיש־לעפעל צוריבענע מאַנדלען אָדער ניס
2 טיש־לעפעל צוהאַקטע ראָזשינקעס
1 לעפעלע צימרינג
3 טיש־לעפעל פסח׳דיגען היי־העט פינאַט אויל
6 טיש־לעפעל וואַסער

מישט עס אַלעס צוזאַמען ביז עס ווערט נעדיכט. שניידט קליינע פלאַכע פּאַרציעס און פרייעט אין דיפּ פריי פון פלענטערס פסח־דיגען היי־העט פינאַט אויל. זייעט אַפּ אויף פּאַפּיער, באַשפּריצט מיט נעפּוידערטער צוקער, סערווירט היים אָדער קאַלט.

— 17 —

מצה און קעז

6 מצות
1 און א האַלבען פונט קאַטעדזש קעז
פּאַפּריקא
אביסעל ווייניגער פון א קאַפּ פלענטערס היי־העט פינאַט אויל

צעברעכט די מצות אין אַ זייער, גיסט אַן הייסע וואַסער און לאָזט די וואַסער אַפּרינען. וואַרעמט אָן דעם אויל, און באַקט די מצות אין אַ טיפען קאַכענדיגען אויל, ביז עס ווערט קרוכלע און ברוין. לעגט זיי אויף אַ גרויסען טעלער, שפּרייט אויס די קאַטעדזש־קעז און באַשפּרענקעלט מיט אביסעל פּאַפּריקא. פון דעם רעסעפּי וועט איהר האָבען 6 גוטע פּאָרציעס. גוט אַלס הויפּט־מאכל פאר לאַנטש.

— 18 —

טשיעז בלינצעס

3 ענגס
דריי־פערטעל קאַפּ קעיק מעהל
אַ האַלבע לעפעלע זאַלץ
1 און אַ האַלבע קאַפּס וואַסער.

טשיעז פילינג:
מישט אויס 1 פונט קאַטעדזש טשיעז מיט
1 איי
אַ האַלבע לעפעלע זאַלץ
אַ האַלבע לעפעלע צוקער
1 לעפעל געדיכטע קריעם

צוקלאַפּט די ענגס און קעיק מעהל און וואַסער און מישט אויס. גיסט אַריין 3 טישלעפעל פון דעם מיקסטשור אין אַ פּען מיט הייסען פסח׳דיגען היי־העט פינאַט אויל, צושפּרייט דין און פרייעט עס ברוין אויף איין זייט. נעמט עס אַרונטער, לייגט אַרויף די טשיעז פילינג, פאַלדעוועט די זייטען, פאַרקאַטשעט עס און פרייעט ווידער אַמאָל. סערווירט פלעין אָדער מיט זויער קריעם, אויב איהר ווילט.

פלענטערס היי־העט פינאַט אויל פאַרטשאַדעט נישט די הויז, גיט נישט קיין האַרץ ברענעניש, לאָזט נישט איבער קיין שלעכטען טאַכ׳טעם אין מויל!

נאָך רעסיפּיס פאַר קניידלאַך, כרעמזלאַך, לאַטקעס און קנישעס

— 10 —

לעבער־קניידלאך

1 און צוויי־דריטעל קאפּעס מצה־מעהל
1 און א האלבע קאפּעס זידענדיגע וואסער
א האלבען פונט לעבער
3 אייער
1 געפּרעגעלטע ציבעלע
4 עס־לעפעל פלענטערס כשר לפסח
היי־העט פינאט אויל
1 טעה־לעפעל זאלץ
א פערטעל טעה־לעפעלע פעפער

באקט די לעבער, און ווען זי ווערט אפּגעקיהלט צערייבט עס צוזאמען מיט דער נעפּרעגעלטער ציבעלע, באגיסט די מצה־מעהל מיט דער געקאכטער וואסער, לאזט אפּקיהלען, דאן מישט אויס גוט די איבעריגע שטאפען, און מאכט דערפון קניידלאך, די גרויס פון א וועלשענע ניס. לעגט זיי אריין אין זידענדיגער זופּ אדער אין זאלץ־וואסער און לאזט זיי קאכען פאר 20 מינוט. פון דעם רעסיפּי קריגט איהר 2 דאזען געשמאקע קניידלאך.

— 11 —

מצה־מאנדלעך

3 עגגס
צוויי־דריטעל קאפּ קייק מעהל
אן אכטעל טהע לעפעלע זאלץ
א האלבע טהע לעפעלע פּאטייטא מעהל.

צוקלאפּט די עגגס, גיט צו דעם קייק מעהל, פּאטייטא מעהל און זאלץ. קנײדט אויס און קאטשעט א פערטעל אינטש דיק און צושנייט אין פערטעל־אינטש סקווערס. פּרייעט אין דיפּ פריי זידיגער היי־העט פינאט אויל (כשר לפסח) אויף 375 גראד היץ ביז זיי ווערען ברוין און סערווירט מיט זופּ.

❖

דער אידעאלער אויל

פלענטערס היי־העט כשר לפסח פינאט אויל איז דער אידעאלער אויל פאר אלע סארטען געבעקסען לכבוד פסח! פון דעם וועיכען, לויזען מצה מעהל ספּאנדזש קעיק ביז דער קלײנער קוקי, געמאכט פון מצה־מעהל, מאנדלען, ניס, אדער קארטאפעל־מעהל! פלענטערס היי־העט פינאט אויל וועט אייך פיעל בייהילפיג זיין צו מאכען אייער באקען לכבוד פסח לייכטער און אייער ארבייט און מיה מעהר אנגענעהם און אנגע־לײנט ביי דער גאנצער פאמיליע!

— 12 —

פּאטייטא מעהל נודעלס

נעמט 3 עגגס און צוקלאפּט ביז זיי ווערען לייכט געל, גיט צו א האלבע קאפּ פּאטייטא מעהל און א האלבע קאפּ וואסער און צוקלאפּט גוט. דערהיצט א פרייאינג פּען, גיסט אריין נענוג פסח'דיגען פלענטערס היי־העט פינאט אויל און גיסט אריין דעם מיקסטשור. פּרייעט עס אין דינע בלעטלעך אדער וויייפערס, קיהלט זיי אפּ און צושניידט זיי אין נודעלס. איידער איהר נעהט סערווירען, זייעט אפּ די זופּ, זיט עס אויף, ווארפט אריין די נודעלס, זיט עס אויף נאך אמאל און סערווירט.

— 13 —

באסטאן כרעמזלעך

1 און א האלבע קאפּס מצה מעהל
6 עגגס
6 טיש־לעפעל וואסער
3 טיש־לעפעל פסח'דיגען היי־העט
פינאט אויל
א האלבע טיש־לעפעל זאלץ
א האלבע קאפּ דין־געשניטענע זויערע
בוראקעס (ביטס)
איין־דריטעל פונט האניג
איין־פערטעל לעפעלע דזשינדזשער
איין־דריטעל פונט צוריבענע ניס
איין־דריטעל קאפּ קאלטע זיסע טהע
אדער מעד

צוקלאפּט די עגגס, גיט צו די מצה מעהל, וואסער, אויל און זאלץ. לאזט די טעיג שטעהען א האלבע שטונדע. מישט אויס די בוראקעס, האניג, דזשינדזשער, ניס און ברוינט עס אין פרייאינג פּען. נעמט ארונטער פון פייער און גיט צו טהע אדער מעד. צושניידט אין דריי־עקיגע פּארציעס, לייגט זיי אריין אין פּען באשמירט מיט פלענטערס פסח'דיגען היי־העט פינאט אויל, לייגט אוועק א מיקסטשור פון בוראקעס, דאן ווידער אמאל א דריי־עקיגע פּארציע פון טעיג. באשמירט יעדען כרעמזעל מיט אביסעלע אויל, באקט אין הייסען אויוועז א האלבע שטונדע. קערט זיי איבער איין מאל כדי זיי זאלען ווערען ברוין אויף דער אנדערער זייט. דיזע פילינג פון בוראקעס קען האלטען לאנג און איז גענוג פאר 3 מאל אזוי פיעל טעיג ווי אנגעוויזען אין דיזער רעסיפּי.

פלענטערס היי־העט פינאט אויל איז בעסער, געזונטער און אויך מעהר עקאנאמיש פון געוועהנליכע אוילס, פעטס, טשיקען שמאלץ אדער שארטנינגן

MR. PEANUT
Reg. U. S. Pat. Off.

מר. פינאַט רעקאָמענדירט:

רעספּעס פאַר קניידלאַך, כרעמזלאַך, לאַטקעס און קנישעס

— 6 —

פּאַטייטאָ לאַטקעס

5 אָדער 6 צוריבענע רויע פּאַטייטאָס
1 צוריבענע ציבעלע
2 ענגס
דריי־פערטעל קאָפּ מצה מעהל
1 טיש־לעפעל זאַלץ
אַ האַלבע לעפעלע פעפער

ווייעט אָפּ די מעהרסטע ליקוויד פון די פּאַטייטאָס און מישט זיי אוים צוזאַמען מיט די אַנדערע שטאָפען. גיסט אַריין אַ טיש־לעפעל אויף אַמאָל אין אַ פרייאינג פּען פון די דיפּ פריי הייסער פּלענטערס פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל.

— 7 —

מעשד פּאַטייטאָ לאַטקעס

2 קאַפּעס מעשד פּאַטייטאָס
1 קאַפּע קעיק־מעהל
1 און אַ פערטעל קאַפּעס וואַסער
אַ האַלבע לעפעלע זאַלץ
4 אייער

גיט צו די גוט־אויפגעשלאַגענע אייער צו די גוט־צעריבענע קאַרטאָפעל, גיט צו די וואַסער צו די קעיק־מעהל און זאַלץ און מישט גוט אוים. פּרעגעלט עס אין הייסען פּלענטערס כשר־לפסח היי־העט פּינאַט אויל ביז עס ווערט גאָלדען־ברוין.

באַלאַנסירטער דייעט

אַ גוט באַלאַנסירטער מאָלצייט מוז איינשליסען אַ גוטען סאַלאַד, נאַטירליך לכבוד פּסח איז אַ וועדזשעטייבעל סאַלאַד דער פּאַסיגסטער. פּלענטערס כשר לפסח היי־העט פּינאַט אויל אַפערט אייך די מעגליכקייט צו דערפרעהען און פּאַקטיש איבערראַשען אייער פאַמיליע מיט אויסגעצייכענטע גוטע פּסח סאַלאַדען. לייענט דורך אין די פּיידזשעס די פאַרשידענע רעסיפּיס פאַר גוטע און געזונטע כשר לפסח סאַלאַדען!

— 8 —

פּאַטייטאָ קנישעס

4 און אַ האַלבע קאַפּס מעשד פּאַטייטאָס
3 ענגס
3 לעפעלעך זאַלץ
אַ פערטעל לעפעלע פעפער
אַ האַלבע קאָפּ מצה מעהל
3 גרויסע ציבעלעס
4 טיש־לעפעל פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל

מישט אוים די פּאַטייטאָס מיט צושלאָגענע ענגס, מצה מעהל, זאַלץ און פעפער, ברוינט די ציבעלעס אין פּלענטערס פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל און גיט צו 1 לעפעלע זאַלץ. פון דעם פּאַטייטאָ טיקסטשור מאַכט דינע פּענקעיקס אויף אייער האַנד, דעקט צו מיט פליייש־מיקסטשור און ברוינע ציבעלעס, לייגט אַוועק אַ צווייטען פּענקעיק פון אויווען, קאַטשעט אין מצה מעהל, פּרייעט אין הייסען פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל אָדער באַקט. פּילט זיי אָן מיט געהאַקטע פליייש, געהאַקטע לעבער און געברוינטע ציבעלעס.

— 9 —

קניידלאַך

1 און אַ פערטעל קאַפּס מצה מעהל
אַ האַלבע טיש לעפעל זאַלץ
אַ פערטעל קאָפּ פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל
אַ האַלבע קאָפּ הייסע וואַסער
3 ענגס
אַ האַלבע טהע לעפעל זאַפט פון ציבעלעס

מישט אוים די הייסע וואַסער און זאַלץ מיט׳ן פּסח׳דיגען היי־העט פּינאַט אויל און לאָזט עס אָפּקיהלען אַביסעל, דאַן גיסט צו 8 גוט צוקלאַפּטע אייער, ציבעלע זאַפט און מצה מעהל, מישט גוט אוים און לאָזט עס שטעהען 1 שטונדע. זידט דאַן אויף 1 און אַ האַלבע קוואָרט וואַסער צוגעבענדיג 1 טיש־לעפעל זאַלץ און אַ גרויסע ציבעלע. לאָזט עס קאָכען 5 מינוט, דאַן מאַכט קניידלאַך פון דער מצה מעהל מיקסטשור און וואַרפט אַריין אין וואַסער. לאָזט זיי קאָכען פאַר 20 מינוט און סערווירט זיי מיט זופּ.

פּלענטערס היי־העט פּינאַט אויל איז אַ הונדערט פּראָצענט ראַפינירטער קוואַליטי אויל, כשר לפסח און אויך פּאַרעווע!

געשמאַקע פלייש רעסעפּיס

— 1 —

טשיקען קאַטלעטס

דאס נאַנצע פלייש פון 1 טשיקען אַדער דאַס ווייסע פלייש פון 2 טשיקענס.

8 ענגס

1 ציבעלע, גרייטעד

3 טהע לעפעלער זאַלץ

אַ פערטעל טהע לעפעלע פעפער

1 קאַפּ מצה מעהל

2 קאַפּס נעקאַכטע טאַמייטאָס

אַ האַלבע לעמאַן

3 טיש לעפעל צוקער

צומאַלט דאַס פלייש, גיט צו די ענגס, ציבעלע, זאַלץ, פעפער און מצה מעהל. מישט גוט אוים, מאַכט קאַטלעטס, פרייעט אין הייסען פסח'דיגען היי־העט פינאַט אויל אין אַ פרייאינג־פען. נאָכהער לייגט זיי אַריין אין אַ בייקינג־פען, מישט אוים די טאַמייטאָס מיט לעמאַן און צוקער און גיסט עס אַרויף אויף די קאַטלעטס. באַקט זיי אין מעסינען אויוועז אַ האַלבע שטונדע.

— 2 —

געהאַקטע לעבער אַדער אייער מיט לעבער

פרייעט צוויי ציבעלעס אין פסח'דיגען היי־העט פינאַט אויל, גיט צו אַ האַלבען פונט געהאַקטע לעבער און פרייעט צוזאַמען. באַשפּריצט מיט אַביסעלע זאַלץ און פעפער, גיט צו צוויי האַרט נעקאָכטע אייער, האַקט עס איין צוזאַמען, גיט צו מעהר היי־העט פינאַט אויל. סערווירט אויף לעטוס און געשניטענע טאַמייטאָס.

— 3 —

וויעל קאַטלעטס, פרענטש פרייד

מאַכט די שאַלדער־און־וויעל דין מיט דער פלאַך פון האַקמעסער, באַזאַלצט און באַפעפערט, טונקט איין אין מצה־מעהל, דאַן טונקט איין אין עטוואָס־צוקלאַפּטען ענג מיט וואַסער, און נאָכהער—ווידער אַמאָל אין מצה מעהל. שטעלט עס אַוועק אין אייז־באָקס פאַר צוויי שטונדע ווייניגסטענס. דאַן פרייעט אין דיפּ פריי היי־העט פינאַט אויל כשר לפּסח ביז עס ווערט ברוין. סערווירט גלייך מיט סטיוד טאַמייטאָס אַדער מיט גריוווי.

— 4 —

נאָכגעמאַכטע הינערנע פיסלעך

אַ פונט און אַ האַלב קאַלבס צומאַלען.

אַ קאַפּע וואַסער אַדער זופּ

אַ טהע לעפעלע לעמאַן דזשוס

אַ טהע לעפעלע פעפער

אַ טהע לעפעלע זאַלץ

אַ האַלב טהע לעפעלע פּאַפּריקאַ

אַ פערטעל טהע לעפעלע נאַטמעג

איין איי, גוט צוקלאַפּט מיט צוויי עס־לעפעל וואַסער

דריי פערטעל קאַפּ מצה־מעהל

אַ קאַפּ כשר לפּסח פּלענטערס היי־העט פּינאַט אויל

איין טאַמייטאָ, אַביסעלע פּאַרסלי.

מישט צוזאַמען דאָס צומאַלענע קאַלבס פלייש מיט די אַנדערע אינגרידיענטס, אַביסעלע לעמאַן דזשוס און סיזאַנינג: צוטיילט עס אין קליינע פּאָרציעס, פאַרמירט אין אַזעלכע הילצערנע פאָרם, אין דער פאָרמאַט פון הינער פיסלאַך, טינקט עס איין אין מצה־מעהל, דאַן אין צוקלאַפּטע אייער, און ווידער אין מצה מעהל. פּרעגעלט עס אין פּלענטערס כשר לפּסח היי־העט פּינאַט אויל, איבערדרעהט עס אַפטען, דערמיט פאַרזיכערען דעם שעהנעם גאָלדען ברוינעם קאָליער, און געשמאַקע 12 פּאָרציעס.

— 5 —

ליווערבורגערס

1 פונט לעבער
2 גרויסע ציבעלעס
2 טהע לעפעלעך זאַלץ (לעוועל)
אַן אַכטעל טהע לעפעלע פעפר
2 טיש לעפעל היי־העט פּינאַט אויל
אַ פערטעל קאַפּ מצה מעהל
2 האַרט געקאָכטע אייער (צוהאַקט)
2 אייער, צוקלאַפּטע.

קאָכט די לעבער, צומאַלט אַדער צוהאַקט זי. ברוינט די ציבעלעס אין פּסח'דיגען היי־העט פּינאַט אויל, מישט אוים מיט זאַלץ, פעפער, די געהאַקטע האַרטע אייער און די צוקלאַפּטע אייער און מצה מעהל. מאַכט קראָקעטס, טונקט איין אין מצה מעהל, פרייעט אין דיפּ פריי פּלענטערס כשר לפּסח היי־העט פּינאַט אויל. סערווירט מיט סטיוד טאַמייטאָס אַדער גריוווי.

פּלענטערס היי־העט פּינאַט אויל העלפט מאַכען מאכלים שעהנער, בעסער און לייכטער צו פאַרדייען. מיט פּלענטערס גנהט איהר שטענדיג אויף אַ זיכערער בריק.

מר. פינאט זאגט :- א צופרידענעם פסח!

MR. PEANUT
REG. U. S. PAT. OFF.

פלענטערס הייהעט פינאט אויל איז דער אידעאלער, כשר'ער אויל פאר אלע אייערע פסח מאכלים און פאַ־טראוועס! אויסגעצייכענט גוט פאר באקען, קאָכען, פרעגלען און פאר מאכען סאלאדען און גרייוויס.

פלענטערס איז א הונדערט פראָצענט ראפינירטער אויל געמאכט פון די פיינסטע, צייטיגע פינאַטס, ראפי־נירט און געפאקט אין פלענטערס רעפיינעריס און האָט די כשרות השגחה פון הרב צבי הירש כהן פון ניו־יאָרק.

פלענטערס הייהעט פינאָט אויל איז כשר און פא־רעווע, בעסער פון שמאלץ, שאָרטנינג און אפילו פון טשיקען פעטץ! עס איז געזונטער, לייכטער צו פאר־דייען און אויך עקאָנאָמישער, ווייל איהר קענט דעם אויל פאר פרעגלען צוועקען באנוצען עטליכע מאָל מיט גוטע רעזולטאטען. קעיקס, פודינגס, קניידלאך, לאטקעס, כרעמזלאך געמאכט מיט פלענטערס הייהעט פינאט אויל קען סערווירט ווערען מיט מילכיגע אזוי גוט ווי מיט פליישיגע מאכלים, מיט א קאָפע קאָפע, א גלאָז מילך פונקט אזוי גוט ווי מיט א גלעזעל טהעע!

אין האַרצען פון דעם גרעסטען פינאָט דיסטריקט אין לאַנד, אין סאַפאָלק, וואַ., געפינען זיך די פלענטערס רעפיינעריס, וועלכע זיינען די גרעסטע אין לאַנד, און פון דאָרט קומט צו אייך דירעקט פלענטערס היי העט פינאָט אויל, וועלכער איז דער ליעבלינג אויל פון מיליאָנען באַלעבאָסטעס אין לאַנד.

ניו יארק
פילאדעלפיא
שיקאגא
באסטאן
סען פראנציסקא

ארויסגעגעבען פון די מאַנופעקטשורערס

פלענטערס עדיבל אויל קאָמפּאַני

סאפאלק, ווירדזשיניא — ווילקסבערע, פענסילווייניא

פּלאַנטערס הײ העט פּינאַט אויל



כשר לפסח געזונט א גאנץ יאהר

46 Ways to Better Passover Meals 46

אופנים פאַר בעסערע פסח מאכלים